# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................7:12
מוצאי שב"ק....................8:41

**שיעורים כסדרן**
נ"ך..........................הושע י'-י"א
בבלי.................בבא בתרא ס"ז
ירושלמי.........ראש השנה י"א
תוספתא.............כלים בתרא ג'
רמב"ם..........תמידין ומוספין ד'


פרשת ראה, כ"ז אב, מברכים חודש אלול, אבות פרק ו', שנת תשפ"ד לפ"ק — שנה 13, גליון 46 (664)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

רְאֵה אָנֹכִי נֹתֵן לִפְנֵיכֶם הַיּוֹם בְּרָכָה וּקְלָלָה. זֶע אַז אִיךְ גֶעבּ פַאר אַייךְ "הַיינְט" אַ בְּרָכָה אוּן אַ קְלָלָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א' סִימָן ל"ו), אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער שִׁיקְט אַרָאפּ פוּן הִימְל יֶעדְן טָאג פַּארְ'ן מֶענְטְשׁ אַ לִיכְטִיגְקֵייט, אוּן עֶס לִיגְט אִין דִי הֶענְט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ אוֹיסְצוּמָאלְן דִי לִיכְטִיגְקֵייט וִוי אַזוֹי עֶר וִויל, צִי עֶס זָאל זַיין גוּט אוּן גֶעשְׁמַאק, אָדֶער חָלִילָה פַּארְקֶערְט.

אַזוֹי וִוי מְ'גֶעבְּט פַּאר אַ מֶענְטְשׁ בֶּערְשְׁטְלֶעךְ מִיט פַּארְבּ, אוּן מְ'זָאגְט אִים עֶר זָאל מָאלְן דֶערְמִיט אַ בִּילְד, אוּן עֶס לִיגְט אִין זַיינֶע אֵייגֶענֶע הֶענְט וָואס אוּן וִוי אַזוֹי צוּ מָאלְן. אוֹיבּ הָאט דֶער מֶענְטְשׁ שֵׂכֶל, וֶועט עֶר נֶעמֶען דִי גֶעצֵייג מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה אוּן מָאלְן אַ שֵׁיינֶע לֶעכְטִיגֶע בִּילְד, פוּן וָואס יֶעדֶער וֶועט הַנָאָה הָאבְּן בַּיים קוּקְן דֶערוֹיף. אוֹיבּ אָבֶּער הָאט עֶר נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל, נֶעמְט עֶר דִי אַרְבֶּעט זֵייעֶר שְׁוֶוער, אוּן עֶר מָאלְט אַ טוּנְקֶעלֶע שְׁוַוארְצֶע בִּילְד, וָואס כַאפְּט אַ פַּחַד בַּיים קוּקְן דֶערוֹיף.

דִי זֶעלְבֶּע גֶעבְּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַּאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ יֶעדְן טָאג אַ גֶעלֶעגְנְהֵייט וִוי אַזוֹי אוֹיסְצוּמָאלְן דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג; אַ מֶענְטְשׁ מִיט שֵׂכֶל וֶועט נֶעמֶען דֶעם טָאג מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה אוּן פְרֵייד, עֶר וֶועט אַרַיינְכַאפְּן וִוי מֶער גוּטֶע זַאכְן אִינֶעם טָאג, אַבִּיסְל תּוֹרָה, תְּפִלָּה, אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים, אוּן זַיין בִּילְד וֶועט אוֹיסְקוּמֶען הֶערְלִיךְ שֵׁיין מִיט אַלֶע טַעֲמִים, עֶר וֶועט שְׁפִּירְן דֶעם טַעַם פוּן גַן עֵדֶן נָאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט. אָבֶּער אֵיינֶער וָואס הָאט נִישְׁט דֶעם רִיכְטִיגְן שֵׂכֶל, וֶועט לִיגְן אִין זַיין דֶעפְּרֶעסְיֶע אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, נִישְׁט הָאבְּן קַיין גֶעדוּלְד צוּ קַיין שׁוּם זַאךְ, אוּן הָאבְּן דֶעם גֵיהִנוֹם אוֹיף דִי וֶועלְט.

אוּן מְ'דַארְף וִויסְן אַז דֶער עִיקָר סוֹד מַצְלִיחַ צוּ זַיין אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אַ בְּרָכָה אִינֶעם טָאג, אִיז דוּרְכְ'ן קוּקְן נָאר אוֹיף הַיינְטִיגְן טָאג, נִישְׁט אוֹיף נֶעכְטְן אוּן נִישְׁט אוֹיף מָארְגְן. אִין אֵיין טָאג קֶען אַ מֶענְטְשׁ אַלֶעס טוּן, אַרַיינְכַאפְּן אַזוֹיפִיל גוּטֶע זַאכְן, דִי פְּרָאבְּלֶעמֶען הוֹיבְּן זִיךְ אָבֶּער אָן וֶוען מְ'קוּקְט אוֹיף נֶעכְטְן, מְ'וֶוערְט צֶעבְּרָאכְן אַז נֶעכְטְן אִיז גֶעוֶוען אַ דוּרְכְגֶעפַאלֶענֶער טָאג, מְ'הָאט סְתָּם פַּארְבְּרֶענְגְט דִי צַייט אוּן גָארְנִישְׁט אוֹיפְגֶעטוּן, אוּן דֶערְפַאר הָאט מֶען נִישְׁט דִי כֹּחַ זִיךְ צוּ נֶעמֶען אִין דִי הֶענְט אַרַיין יָא אוֹיסְצוּנוּצְן דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג. אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז וֶוען מְ'קוּקְט אוֹיף מָארְגְן, דַאן הוֹיבְּט מֶען אָן טְרַאכְטְן, "אֲפִילוּ אוֹיבּ הַיינְט הָאבּ אִיךְ יָא מַצְלִיחַ גֶעוֶוען, וָואס וֶועט אָבֶּער זַיין מָארְגְן? וֶוער קֶען מִיר פַארְזִיכֶערְן אַז מָארְגְן וֶועט אוֹיךְ זַיין אַ גֶעלוּנְגֶענֶער טָאג?", דִי אַלֶע מַחְשָׁבוֹת קֶענֶען אַוֶועקְנֶעמֶען דִי הַצְלָחָה פוּנֶעם מֶענְטְשׁ.

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א' סִימָן רע"ב), אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים צ"ה, ז') "הַיּוֹם אִם בְּקֹלוֹ תִשְׁמָעוּ", אַז אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אַלֶץ טְרַאכְטְן נָאר פוּן דֶעם טָאג אוּן דִי צַייט אִין וָואס עֶר גֶעפִינְט זִיךְ יֶעצְט, נָאר טְרַאכְטְן וָואס עֶר קֶען אוֹיפְטוּן אִין יֶענֶע מִינוּט, סַיי בְּרוּחָנִיּוּת אוּן סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת, אוּן דַאן וֶועט עֶר זֵייעֶר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ זַיין.

דָאס אִיז פְּשַׁט אִין פָּסוּק, רְאֵה אָנֹכִי נֹתֵן לִפְנֵיכֶם 'הַיּוֹם' - דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט, אִיךְ גֶעבּ דִיר אַ מַתָּנָה דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג, אוֹיבּ הָאט מֶען שֵׂכֶל אוּן מֶען קוּקְט נִישְׁט אוֹיף נֶעכְטְן אוּן אוֹיף מָארְגְן, מֶען פְּרוּבִּירְט אוֹיסְצוּנוּצְן דֶעם הַיינְטִיגְן טָאג וִוי עֶס בְּרוֹיךְ צוּ זַיין, דַאן וֶועט עֶס זַיין, בְּרָכָה - אַ גֶעבֶּענְטְשְׁטֶער טָאג, אוּן פַּארְקֶערְט אוֹיבּ מֶען וֶועט עֶס אָפְּשְׁטוּפְּן אוֹיף מָארְגְן, 'הַיינְט אִיז שׁוֹין דֶערְנָאךְ, מָארְגְן וֶועל אִיךְ אָנְהֵייבְּן עֶפֶּעס טוּן", דֶעמָאלְט, וּקְלָלָה - וֶועט עֶס זַיין אַ פַארְשָׁאלְטֶענֶער טָאג.

ווָאוֹיל אִיז דֶעם וָואס נִיצְט אוֹיס דִי טֶעג אוּן פִילְט עֶס אָן מִיט גוּטֶע זַאכְן, דָאס וֶועט בְּלַייבְּן אוֹיף אֵייבִּיג, עֶס וֶועט אִים בַּאגְלֵייטְן אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרַא"שׁ לְפַּרְשַׁת רְאֵה)

## מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

### חוֹדֶשׁ אֱלוּל

מִיר גֵייעֶן שׁוֹין בֶּענְטְשְׁן רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, אָט אָט קוּמְט שׁוֹין דִי הֵיילִיגֶע פָּארְכְטִיגֶע טֶעג פוּן רֹאשׁ הַשָּׁנָה אוּן יוֹם כִּיפּוּר, אָט אָט גֵייעֶן מִיר שׁוֹין שְׁרֵייעֶן בַּיי דִי תְּפִלָּה פוּן "וּנְתַנֶּה תּוֹקֶף" מִיט גְרוֹיס הִתְעוֹרְרוּת דִי וֶוערְטֶער: "וּתְשׁוּבָה, וּתְפִלָּה, וּצְדָקָה, מַעֲבִירִין אֶת רֹעַ הַגְּזֵרָה!" אוּן וֶוער עֶס אִיז קְלוּג וַוארְט נִישְׁט בִּיז מֶען וֶועט אִים אָנְשְׁרַייבְּן חַ"ו שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת אוּן עֶר וֶועט עֶס דַארְפְן צֶעשְׁטֶערְן אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נָאר עֶר הוֹיבְּט שׁוֹין אָן פוּן חוֹדֶשׁ אֱלוּל זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן מִיט דִי דְרֵיי זַאכְן, מִיט תְּשׁוּבָה, תְּפִלָּה אוּן צְדָקָה, אַזוֹי אַז מֶען זָאל בִּכְלַל נִישְׁט אָנְהוֹיבְּן צוּ מַאכְן אוֹיף אִים שְׁוֶוערֶע גְזֵירוֹת.

יֶעצְט אִין חוֹדֶשׁ אֱלוּל אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט זִיךְ אוֹיפְצִיוֶועקְן פוּן דֶעם טִיפְן שְׁלָאף וָואס מֶען אִיז גֶעשְׁלָאפְן אַ גַאנְץ יָאר, אוּן זִיךְ אָנְהֵייבְּן צוּ בַּארֶעכֶענֶען וואו מֶען הַאלְט אוֹיף דִי וֶועלְט, צוּ תְּשׁוּבָה טוּן אוּן צוּרִיק קוּמֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶען דֶערְצֵיילְט פוּן צַדִיקִים אַז וֶוען מֶען הָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, וֶוען דֶער חַזָן הָאט גֶעזָאגְט דִי וֶוערְטֶער "רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֱלוּל יִהְיֶה בְּיוֹם.." הָאט זֵיי שׁוֹין גֶעכַאפְּט אַזַא צִיטֶער. בְּלוֹיז דָאס דֶערְמַאנֶען אַז עֶס קוּמְט שׁוֹין חוֹדֶשׁ אֱלוּל, דָאס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען זֵייעֶר בֶּעסְטֶע מוּסָר סֵפֶר זִיךְ אוֹיפְצִיוֶועקְן פוּן שְׁלָאף, אוּן זִיךְ אָנְהֵייבְּן גְרֵייטְן צוּם נֵייעֶם יָאר וָואס קוּמְט.

דֶער צַדִיק רֶבִּי מֹשֶׁה קַאבְּרִינֶער זי"ע פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן אַז וֶוען עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ קִינְד פוּן זֶעקְס יָאר, הָאט עֶר זִיךְ גֶעשְׁפִּילְט אֵיינְמָאל מִיט אַנְדֶערֶע קִינְדֶער, אִינְמִיטְן אִיז זַיין גְרוֹיסֶע שְׁוֶועסְטֶער גֶעקוּמֶען צוּ אִים אוּן

<<<<<<

## א גוט ווארט

וֶוער פִּירְט דַיין שְׁטוּבּ - דוּ אָדֶער דַיינֶע קִינְדֶער? מֶען פְרֶעגְט נִישְׁט קִינְדֶער אוֹיבּ זֵיי ווִילְן דַאוֶוענֶען, אוֹיבּ זֵיי ווִילְן גֵיין אָנְגֶעטוּן אֵיידְל; קִינְדֶער טוּעֶן וָואס דִי עֶלְטֶערְן זָאגְן, עֶלְטֶערְן דַארְפְן זַיין שְׁטַארְק וִוי אַזוֹי מֶען פִּירְט דִי שְׁטוּבּ, אוּן נִישְׁט וָואס דִי קִינְדֶער זָאגְן, ווִילְן, וֵויינֶען אוּן שְׁרֵייעֶן - מֵיינְט אַז מֶען דַארְף אַזוֹי טוּן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה עֵקֶב תשפ"ד)




דער מולד וועט זיין: דינסטאג נאכמיטאג 37 מינוט און 12 חלקים נאך 2 | ראש חודש אלול יהיה ביום השלישי ולמחרתו ביום הרביעי

### אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# וואוּ הַאלְט אִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט?

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ב' פַּרְשַׁת רְאֵה, כ"ב מְנַחֵם-אָב, שְׁנַת תשפ"ד לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

חוֹדֶשׁ אֱלוּל אִיז שׁוֹין בַּיים טִיר, מֶען דַארְף זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן, וָואס אִיז מַיין עִיקָר אִין לֶעבְּן? וָואס אִיז דָאס מֶערְסְטֶע חָשׁוּב בֵּיי מִיר? מַיין גֶעלְט? מַיינֶע חֲבֵירִים? דִי תּוֹרָה? וָואס אִיז חָשׁוּבֶ'ער אוּן וָואס וֵוייניגֶער?

אַנְשְׁטָאט פַארְבְּרֶענְגֶען אוּן פַארְבְּרֶענֶען צַייט מִיט חֲבֵרִים, גֵיי אַהֵיים צוּ דַיינֶע קִינְדֶער, אוּן נֶעם נִישְׁט מִיט דַיין אָפִּיס (דִי סַמֶ'-טֶעלֶעפָאוּן) אִין שְׁטוּבּ, אַזוֹי וֶועסְטוּ הָאבְּן סַבְלָנוּת צוּ זֵיי, דוּ וֶועסְט קֶענֶען שְׁמוּעֶסְן מִיט זֵיי, אוּן חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט שְׁלָאגְן; וַוייל שְׁלָאגְן קִינְדֶער אִיז נִישְׁט קֵיין חִינוּךְ, שְׁלָאגְן קִינְדֶער אִיז אוֹיסְבְּלָאזְן דִי נֶערְוְון.

שְׁלָאג נִישְׁט דַיינֶע קִינְדֶער, אוּן זִיכֶער נִישְׁט וֶוען דוּ בִּיסְט אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט, וַוייל אוֹיבּ מֶען שְׁלָאגְט דִי קִינְדֶער וֶוען מֶען אִיז אִיבֶּערְגֶעשְׁטְרֶענְגְט - קֶען דָאס זַיין אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה, מֶען קֶען זֵיי מַאכְן בַּעֲלֵי מוּמִין פַאר זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן. עֶס אִיז דָא אַסַאךְ מַעֲשִׂיּוֹת צוּ דֶערְצֵיילְן פוּן עֶלְטֶערְן אוּן מְלַמְּדִים וָואס הָאבְּן גֶעמַאכְט זֵייעֶרֶע קִינְדֶער בַּעֲלֵי מוּמִין פַאר אַ גַאנְץ לֶעבְּן, לֹא עָלֵינוּ.

חוֹדֶשׁ אֱלוּל דַארְף מֶען זִיךְ מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ 'וִוי הַאלְט אִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט? וָואס טוּ אִיךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט? וָואס וֶועל אִיךְ עֶנְטְפֶערְן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט?' וָואס וֶועל אִיךְ עֶנְטְפֶערְן וֶוען מֶען וֶועט מִיךְ פְרֶעגְן דִי שְׁוֶוערֶע פְרַאגֶע (תָּנָא דְבֵי אֵלִיָּהוּ רַבָּה, א): "עֲמוֹד וַעֲרוֹךְ מִקְרָא שֶׁקָּרִיתָ" הוֹיבּ אָן זָאגְן מִקְרָא וָואס דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט, "עֲמוֹד וַעֲרוֹךְ מִשְׁנָה שֶׁשָּׁנִיתָ" הוֹיבּ אָן זָאגְן מִשְׁנַיוֹת וָואס דוּ הָאסְט גֶעלֶערְנְט; נֶעם אַ מִשְׁנַיוֹת אוּן יֶעדְן טָאג לֶערְן אַבִּיסְל תּוֹרָה אֲפִילוּ אָן פַארְשְׁטֵיין, נֶעם אַ גְמָרָא אוּן זָאג דִי וֶוערְטֶער פוּן דִי תּוֹרָה; דָאס וֶועט דִיךְ רֵיינִיגְן, אַזוֹי וֶועסְטוּ נִישְׁט פַארְשֶׁעמְט וֶוערְן בָּזֶה וּבַבָּא.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן
זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.
אַ כְּתִיבָה וַחֲתִימָה טוֹבָה, אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה רְאֵה תשפ"ד)

## סֵפֶר הַמִּדּוֹת תְּפִלָּה

ג. הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא מָצוּי בְּבֵית הַכְּנֶסֶת. דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן טְרֶעפְט מֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ.

ד. עַל יְדֵי חֲנֻפָּה, אֵין תְּפִלָּתוֹ נִשְׁמַעַת. אַ מֶענְטְשׁ וָואס חַנְפֶ'עט, וֶוערְט זַיין תְּפִלָּה נִישְׁט צוּגֶעהֶערְט.

ה. עַל יְדֵי עֵסֶק הַתּוֹרָה מִתּוֹךְ דֹּחַק, תְּפִלָּתוֹ נִשְׁמַעַת. דֶער וָואס לֶערְנְט תּוֹרָה אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז שְׁוֶוער, וֶוערְן דַיינֶע תְּפִלּוֹת אוֹיסְגֶעהֶערְט.

<<<<<< מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

גֶעזָאגְט: "מֹשֶׁה'לֶע, מֶען הָאט שׁוֹין גֶעבֶּענְטְשְׁט חוֹדֶשׁ אֱלוּל, אוּן אֲפִילוּ דִי פִישׁ אִין וַואסֶער צִיטֶערְן, אוּן דוּ שְׁפִּילְסְט זִיךְ נָאךְ?!" וֶוען עֶר הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט אִים אָנְגֶעהוֹיבְּן צִיטֶערְן, אַז בִּיז הַיינְט שְׁפִּירְט עֶר נָאךְ דֶעם צִיטֶער, וַוייל זַיין שְׁוֶועסְטֶער אִיז גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶע צַדֶּיקֶת אוּן זִי הָאט עֶס גֶעזָאגְט מִיט גְרוֹיס תְּמִימוּת אַז עֶס אִיז אִים אַרַיין אִין דִי בֵּיינֶער, אוּן פוּן דֶעמָאלְט הָאט עֶר זִיךְ גֶענוּמֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

מֶען דַארְף גֶעדֶענְקְן אַז עֶס קוּמְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה וָואס דֶעמָאלְט אִיז דֶער יוֹם הַדִּין, מֶען גֵייט אָנְשְׁרַייבְּן פַאר יֶעדְן מֶענְטְשׁ פּוּנְקְטְלִיךְ וָואס עֶס גֵייט פַּאסִירְן מִיט אִים דִי גַאנְצֶע יָאר, אוּן דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיךְ גוּט צוּגְרֵייטְן מִיט תּוֹרָה, תְּפִלָּה אוּן זְכוּתִים, אַז מֶען זָאל וֶוערְן פַארְשְׁרִיבְּן בְּסֵפֶר הַחַיִּים, מֶען זָאל הָאבְּן אַ גוּט גֶעבֶּענְטְשְׁט יָאר.

### מֶען בְּרֶענְט אוּן מֶען בְּרֶענְט

מֶען דַארְף אָבֶּער אַכְטוּנְג גֶעבְּן אַז מֶען זָאל נִישְׁט זַיין פוּן דִי מֶענְטְשְׁן פוּן וֶועם רֶבִּי נָתָן הָאט גֶערֶעדְט. רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעזָאגְט: "עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ אֱלוּל, מֶען בְּרֶענְט אוּן מֶען בְּרֶענְט.. אוּן מֶען טוּט גָארְנִישְׁט"... אוֹיךְ הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "עֶס קוּמְט דִי אֱלוּל טֶעג, מֶען וֶוערְט פְרוּם פְרוּם, נִישְׁט מֶען לֶערְנְט אוּן נִישְׁט מֶען דַאוֶוענְט".

עֶס אִיז נִישְׁט גֶענוּג אַז מֶען רֶעדְט פוּן אֱלוּל, מֶען רֶעדְט פוּן דִי גְרוֹיסְקֵייט פוּן אֱלוּל. נָאר מֶען דַארְף זֶען צוּ טוּן צוּ דִי זַאךְ, מֶען דַארְף זֶען צוּ אוֹיסְנוּצְן דִי צַייט מִיט לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דָאס קֶען מֶען זֶען בֵּיי מְקוֹמוֹת הַקְּדוֹשִׁים, עֶס זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס לָאזְן אִיבֶּער זֵייעֶר מִשְׁפָּחָה פַאר גַאנְץ חוֹדֶשׁ אֱלוּל, אוּן זֶעצְן זִיךְ אַרַיין בֵּיי קִבְרֵי צַדִּיקִים אוֹיסְצוּנִיצְן דֶעם הֵיילִיגְן חוֹדֶשׁ. דָארְט קֶען מֶען זֶען מַמָּשׁ דִי שִׂיחָה פוּן רֶבִּי נָתָן. מֶענְטְשְׁן זֶעצְן זִיךְ דָארְט אַרָאפּ אוּן מֶען זָאגְט עֶטְלִיכֶע קַאפִּיטְלֶעך תְּהִלִּים, אוּן אִינְצְוִוישְׁן קוּמֶען אָן בַּאזוּכֶער, לָאזְט מֶען גְלַייךְ אָפּ דֶעם תְּהִלִּים, אוּן מֶען לוֹיפְט זֶען וֶוער דִי פְרֶעמְדֶע מֶענְטְשְׁן זֶענֶען, אוּן מֶען בֶּעט שׁוֹין אַבִּיסְל שָׁלִיחַ-מִצְוָה גֶעלְט פוּן זֵיי, אוּן דֶערְנָאךְ גֵייט מֶען צוּרִיק צוּם תְּהִלִּים. פְּלוּצְלִינְג וֶוערְט מֶען הוּנְגֶערִיג אוּן מֶען גֵייט זוּכְן עֶפֶּעס צוּ עֶסְן, דֶערְנָאךְ וֶוערְט מֶען מִיד אוּן מֶען לֵייגְט זִיךְ צוּ אַבִּיסְל שְׁלָאפְן, אוּן אַזוֹי גֵייט אַרִיבֶּער דֶער טָאג מִיט גָארְנִישְׁט. אוֹיסֶער עֶטְלִיכֶע יְחִידֵי סְגוּלָה וָואס נוּצְן טַאקֶע דִי צַייט, אוּן זֵייעֶר מוֹיל הֶערְט נִישְׁט אוֹיף צוּ גֵיין מִיט תּוֹרָה וּתְפִלָּה אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן דִי גַאנְצֶע חוֹדֶשׁ.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא"שׁ חֵלֶק ב' וְחֵלֶק ט"ז עֶרֶךְ אֱלוּל)

## שְׁמוּעֶסְן אוּן גֶעדַאנְקֶען

אוֹיבּ וָואלְט גֶעוֶוען אַחְדוּת צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, וָואלְטְן מִיר גֶעקֶענְט אַיינְנֶעמֶען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט מִיטְ'ן שֵׂכֶל פוּן הֵיילִיגֶען רֶבִּי'ן.

לֵיידֶער זֶענֶען פַארְהַאן הַיינְט גָאר אַסַאךְ צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען אוֹיף דֶער וֶועלְט, יֶעדֶער גֵייט דוּרְךְ וָואס עֶר גֵייט דוּרְךְ שְׁוֶועריקֵייטְן אוּן יִסוּרִים, אוּן זֵיי הָאבְּן נִישְׁט מִיט וָואס זִיךְ צוּ טְרֵייסְטְן, אוּן וֶוען זֵיי וָואלְטְן גֶעהַאט דֶעם רֶבִּינְ'ס דִיבּוּרִים וָואלְטְן זֵיי גֶעהַאט חִיזוּק אִין לֶעבְּן. מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת אוּן לִימוּדִים וָואלְט מֶען גֶעקֶענְט רַאטֶעוֶוען דִי גַאנְצֶע וֶועלְט.

דִי מַחְלוֹקֶת וָואס אִיז אָבֶּער דָא צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, דָאס הַרְגְ'עט אַלֶעס אָפּ. עֶס אִיז אַ גְרוֹיסֶע גֶעוִוינְס פַארְ'ן בַּעַל דָבָר וֶוען עֶר קֶען מַאכְן קְרִיגֶערַייעֶן אוּן חִילוּקֵי דֵעוֹת צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, וַוייל אַזוֹי וֶועט דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער נִישְׁט נִתְגַּלֶּה וֶוערְן פַאר דִי וֶועלְט.

דֶערִיבֶּער דַארְפְן מִיר אַרְבֶּעטְן אוֹיף אַלֶע פְרָאנְטְן צוּ זֶען אַז עֶס זָאל הֶערְשְׁן שָׁלוֹם אוּן אַחְדוּת צְוִוישְׁן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ, בְּרֶסְלֶבְ'עֶ חֲסִידִים.

(אִמְרֵי מוֹהֲרָא"שׁ, חֵלֶק א', סִימָן א')

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (קעב)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער רֶבִּי דְרוּקְט זִיךְ אוֹיס בֵּיי אַ שְׁמוּעֶס, "אַ מֶענְטְש אִיז דָאךְ אַזוֹי נַארִיש, אֲפִילוּ וֶוען דֶער מַלְאַךְ הַמָּוֶת גֵייט אִים שׁוֹין נָאךְ הוּנְטֶער דִי אַקְסְלֶען, אִיז עֶר נָאכְאַלְץ פַארְנוּמֶען מִיט זַיינֶע שְׁטוּתִים אוּן נַארִישְׁקֵייטְן", אוּן ר' חַיִּים שָׂרָה'ס וֶוערְט זֵייעֶר דֶערְצִיטֶערְט.**

דֶער רֶבִּי אִיז אַרַיין אִין זַיין צִימֶער, אוּן דַאן הָאט ר' חַיִּים שָׂרָה'ס זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט אוּן אִיז נָאכְגֶעגַאנְגֶען דֶעם רֶבִּי'ן אִין שְׁטוּבּ אַרַיין, אוּן עֶר הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכְן אִין אַ בִּיטֶערֶע גֶעוֵויין, "רֶבִּי, אִיךְ וֵוייס זִיכֶער אַז דֶער רֶבִּי הָאט מִיר גֶעמֵיינְט מִיט דִי וֶוערְטֶער, אוּן דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק דֶעם רֶבִּי'ן אַז עֶר זָאל מְעוֹרֵר רַחֲמִים זַיין אוֹיף מִיר, אִיךְ זָאל בְּלַייבְּן לֶעבְּן!"

דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט, "יָא, רִיכְטִיג, אִיךְ הָאבּ טַאקֶע דִיר גֶעמֵיינְט, אַזוֹי וִוי אִיךְ וִויל אָבֶּער יֶעצְט פָארְן צוּם צִיּוּן פוּן מַיין זֵיידֶע דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע אִין מֶעזִיבִּיזְשׁ צוּ מִתְפַּלֵּל זַיין פַאר מַיין זוּן שְׁלֹמֹה אֶפְרַיִם, זָאלְסְטוּ אוֹיךְ מִיטְקוּמֶען מִיט מִיר אַהִין, אוּן אִיךְ וֶועל מִתְפַּלֵּל זַיין אוֹיךְ פַאר דִיר".

**תקצז**

דֶער רֶבִּי אִיז טַאקֶע גֶעפָארְן קֵיין מֶעזִיבִּיזְשׁ אִינְאֵיינֶעם מִיט ר' חַיִּים שָׂרָה'ס, דֶער רֶבִּי אִיז גֶעזֶעסְן דִי גַאנְצֶע וֶועג מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע גְרוֹיסֶע דְבֵיקוּת, זַיין פָּנִים אִיז גֶעוֶוען פַארְפְלַאמְט מִיט אַ פֵייעֶרְדִיגֶע הִתְלַהֲבוּת, אוּן וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם צִיּוּן פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע אִיז ר' חַיִּים שָׂרָה'ס גֶעבְּלִיבְּן שְׁטֵיין פוּן דֶערְוַוייטְנְס אוּן נָאר דֶער רֶבִּי אִיז אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אוּן הָאט זִיךְ פַארְזוּימְט דָארְט גָאר אַ לַאנְגֶע צַייט, ר' חַיִּים שָׂרָה'ס הָאט גֶעצִיטֶערְט צוּצוּגֵיין נָאנְט, אוּן וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז שְׁפֶּעטֶער אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען אִיז עֶר צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ אִים אוּן גֶעזָאגְט, "דִיר הָאבּ אִיךְ גֶע'פּוֹעֶל'ט, אוּן מִיר נִישְׁט".

דֶערְנָאךְ הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "אַז דוּ בִּיסְט שׁוֹין יָא דָא, גֵיי דוּ אוֹיךְ צוּ צוּם צִיּוּן פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע אוּן בֶּעט דִיךְ דָארְט אוֹיס", עֶר אִיז טַאקֶע אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען אוּן זִיךְ זֵייעֶר אוֹיסְגֶעוֵויינְט דָארְט, אוּן וֶוען עֶר אִיז אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט וִויפִיל יָאר עֶר וֶועט נָאךְ לֶעבְּן.

**תקצח**

דֶערְנָאךְ אִיז דֶער רֶבִּי צוּרִיק גֶעפָארְן מִיט ר' חַיִּים שָׂרָה'ס קֵיין בְּרֶסְלֶב, אוּן אוֹיפְ'ן וֶועג הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעזָאגְט אַז זַיין זוּן שְׁלֹמֹה אֶפְרַיִם אִיז יֶעצְט נִסְתַּלֵּק גֶעוָוארְן.

דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט

<<<<<<

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# אִיז דֶער רֶבִּי גְרֶעסֶער פוּן רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי?

*שְׁאֵלָה:*

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַ מַעֲשֶׂה פוּן אַ גֶעוִויסֶער צַדִּיק וָואס פְלֶעגְט פָארְן יֶעדֶעס יָאר קֵיין מִירוֹן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן אֵיינֶע פוּן זַיינֶע תַּלְמִידִים הָאבְּן אִים גֶעפְרֶעגְט אוֹיבּ עֶר מֶעג פָארְן קֵיין אוּמַאן, הָאט דֶער צַדִּיק אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט, "אִיךְ קֶען דִיר נָאר זָאגְן אֵיין זַאךְ, גֵיי דוּרְךְ דֶעם קֶבֶר פוּן רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, אוּן זָאג מִיר אוֹיבּ דוּ קֶענְסְט טְרֶעפְן אַ בֶּעסֶערֶער מֵלִיץ יוֹשֶׁר פוּן אִים", דָאס הֵייסְט אַז מֶען קֶען נִישְׁט זָאגְן אַז דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז גְרֶעסֶער פוּן רַבִּי שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחָאִי, אוּן דֶער אִיד הָאט שׁוֹין פַארְשְׁטַאנֶען וָואס עֶר הָאט צוּ טוּן, אוּן עֶר אִיז נִישְׁט גֶעפָארְן קֵיין אוּמַאן.

אִיךְ וִויל וִויסְן וָואס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הַאלְט וֶועגְן דִי מַעֲשֶׂה.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיַּקְהֵל, י"ט אָדָר א', שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וָואס אִיךְ זָאג צוּ דִי מַעֲשֶׂה? אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס דוּ ווִילְסְט; וֶוער רֶעדְט פוּן גְרֶעסֶער קְלֶענֶער? דוּ מַאכְסְט אַ טָעוּת, דָא רֶעדְט מֶען נִישְׁט וֶוער עֶס אִיז גְרֶעסֶער, דָא רֶעדְט מֶען פוּן אַ צַדִּיק וָואס הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין קֶבֶר - וֶועט עֶר מְתַקֵּן זַיין. עֶס אִיז נָאכְנִישְׁט גֶעוֶוען זַייט בְּרִיאַת הָעוֹלָם אַ צַדִּיק וָואס זָאל צוּזָאגְן מִיט צְוֵויי עֵדוּת דָאס וָואס דֶער רֶבִּי הָאט צוּגֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן רכה) אַז וֶוער עֶס וֶועט קוּמֶען צוּ זַיין צִיּוּן זָאגְן דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי, דִי צֶען קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִלִּים [קַאפִּיטְל - טז, לב, מא, מב, נט, עז, צ, קה, קלז, קנ] אוּן גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה פַאר זַיין זְכוּת, אֲפִילוּ עֶר הָאט גֶעטוּן דִי הַארְבְּסְטֶע עֲבֵירוֹת: "וֶועל אִיךְ מִיךְ לֵייגְן אוֹיף דִי לֶענְג אוּן אוֹיף דִי בְּרֵייט אִים אַ טוֹבָה צוּ טוּן, בֵּיי דִי פֵּיאוֹת וֶועל אִיךְ אִים אַרוֹיסְצִיעֶן פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית".

גְרֶעסֶער, קְלֶענֶער, - דוּ מַאכְסְט מִיךְ לַאכְן; מִיר קְלֵיינֶע קֶעפֶּעלֶעךְ, קְלֵיינֶע מֶענְטְשֶׁעלֶעךְ, - זֶענֶען זֵייעֶר וַוייט פוּן דִי זַאכְן, מִיר וֵוייסְן גָארְנִישְׁט וֶועגְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן צַדִּיקִים. אָךְ אוּן וֵויי פַאר דִי וָואס שְׁטוּפְּן אַרַיין דִי נָאז אִין דִי זַאכְן, עֶס קוּמְט צוּ לַאכְן וֶוען מֶען הֶערְט מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן פּוֹגֵם גֶעוֶוען בִּבְרִית - מֶעסְטְן צַדִּיקִים; דֶער צַדִּיק אִיז גְרוֹיס בִּיזְן דַאךְ, דֶער אַנְדֶערֶער אִיז גְרוֹיס בִּיזְן הִימְל; מִיר דַארְפְן תְּשׁוּבָה טוּן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז מוֹחֵל זַיין.

מִיר פָארְן צוּם רֶבִּי'ן קֵיין אוּמַאן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה וַוייל דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תה): **"הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי הוּא חִדּוּשׁ גָּדוֹל, וְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ יוֹדֵעַ שֶׁאֵין הַדָּבָר הַזֶּה בִּירֻשָּׁה מֵאֲבוֹתַי, רַק הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ נָתַן לִי זֹאת בְּמַתָּנָה - שֶׁאֲנִי יוֹדֵעַ מַהוּ רֹאשׁ הַשָּׁנָה. לֹא מִבָּעְיָא אַתֶּם כֻּלְּכֶם בְּוַדַּאי תְּלוּיִין בָּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי, אֶלָּא אֲפִילוּ כָּל הָעוֹלָם כֻּלּוֹ תָּלוּי בָּרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי"**, דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אִיז אָנְגֶעהַאנְגֶען אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר דָאס גֶעגֶעבְּן פַאר אַ מַתָּנָה; נִישְׁט נָאר אִיר - מַיינֶע תַּלְמִידִים זֶענְט תָּלוּי אִין מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה, נָאר דִי גַאנְצֶע וֶועלְט שְׁטֵייט אוֹיף מַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה.

נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט (שָׁם, סִימָן תג): **"הָרֹאשׁ הַשָּׁנָה שֶׁלִּי עוֹלֶה עַל הַכֹּל"**, מַיין גַאנְצֶע זַאךְ אִיז רֹאשׁ הַשָּׁנָה, **"וְהָיָה פֶּלֶא אֶצְלִי, מֵאַחַר שֶׁהַמְּקֹרָבִים שֶׁלִּי מַאֲמִינִים לִי, וְלָמָּה לֹא יִזָּהֲרוּ כָּל הָאֲנָשִׁים הַמְקֹרָבִים אֵלַי, שֶׁיִּהְיוּ כֻּלָּם עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִישׁ לֹא יֵעָדֵר; כִּי כָּל עִנְיָן שֶׁלִּי הוּא רַק רֹאשׁ הַשָּׁנָה"**, עֶס אִיז מִיר אַ ווָאוּנְדֶער פַארְוָואס מַיינֶע מֶענְטְשְׁן וָואס גְלֵייבְּן אִין מִיר, זָאלְן נִישְׁט רֶעדְן צוּ אַלֶעמֶען אַז מֶען זָאל קוּמֶען צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, **"וְהִזְהִיר לַעֲשׂוֹת כְּרוּז, שֶׁכָּל מִי שֶׁסָּר אֶל מִשְׁמַעְתּוֹ וּמְקֹרָב אֵלָיו יִהְיֶה עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה אֶצְלוֹ, לֹא יֶחְסַר אִישׁ, וּמִי שֶׁזּוֹכֶה לִהְיוֹת עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה רָאוּי לוֹ לִשְׂמֹחַ מְאֹד מְאֹד"**, דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן מֶען זָאל מַאכְן אַ כְּרוּז, אַז אַלֶע זָאלְן קוּמֶען צוּ זַיין רֹאשׁ הַשָּׁנָה. נָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: "וֶוער עֶס קוּמְט צוּ מִיר אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה דַארְף זַיין פְרֵיילִיךְ אַ גַאנְץ יָאר".

וֶוען עֶס וַוארְט דִיר אַ מִשְׁפָּט וָואלְסְטוּ גֶעגַאנְגֶען זוּכְן אַ לוֹיעֶר, אָדֶער דוּ וָואלְסְט גֶעמַאכְט דֶעם ווִיץ אוּן קוֹדֶם אַרִיבֶּער אִין מִירוֹן וְכוּ'? וֶוען דוּ בִּיסְט לֹא עָלֵינוּ וְלֹא עֲלֵיכֶם נִישְׁט גֶעזוּנְט אוּן דוּ דַארְפְסְט גֵיין זוּכְן אַ גְרוֹיסֶער דָאקְטֶער - וָואלְסְטוּ אוֹיךְ גֶעזָאגְט דִי לֵיצָנוּת, אָדֶער דוּ וָואלְסְט גֶעגַאנְגֶען צוּם גְרוֹיסְן דָאקְטֶער, אוּן צוּם גְרוֹיסְן לוֹיעֶר?!

<<<<<<

BreslevCenter.com\answers

>>>>>> לעבנ'ס געשיכטע פון רבי'ן

אַרײַנְגֵיין אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב אוֹיף שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, עֶר הָאט גֶעשִׁיקְט ר' חַיִּים שָׂרָה'ס אַיינְצוּקוֹיפְן חַלּוֹת, וַויין, אוּן פִישׁ, לְכָבוֹד שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, אוּן עֶר הָאט אִים זֵייעֶר אָנְגֶעזָאגְט אַז מֶען זָאל נִישְׁט זָאגְן פַאר זַיין וַוייבּ וואוּ עֶר גֶעפוּנְט זִיךְ.

אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאבְּן אִים אוֹיסְגֶעפְרֶעגְט וואוּ דֶער רֶבִּי אִיז, זֵיי הָאבְּן דָאךְ גֶעוואוּסְט אַז עֶר אִיז מִיטְגֶעפָארְן מִיטְ'ן רֶבִּי"ן, אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעמוּזְט אוֹיסְזָאגְן, עֶר הָאט זֵיי אָבֶּער גֶעבֶּעטְן אַז זֵיי זָאלְן נִישְׁט דֶערְצֵיילְן וַוייטֶער, וַוייל דֶער רֶבִּי גֶעפוּנְט זִיךְ יֶעצְט אִין אַ דֶערְפְל נָאנְט צוּ בְּרֶסְלֶב, אוּן עֶר ווִיל דָארְט בְּלַייבְּן אַלֵיין אוֹיף שַׁבָּת.

**תקצט**

זַייעֶנְדִיג דָארְט אִינֶעם דֶערְפְל נֶעבְּן בְּרֶסְלֶב, הָאט דֶעמָאלְט דִי מַעֲשֶׂה מִיט אַבְרָהָם פֵייעֶס, וָואס הָאט חֲתוּנָה גֶעמַאכְט זַיין זוּן, חַיִּים פֵייעֶס, מִיט אַן אֵיינִיקְל פוּן הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה

גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

>>>>>> שו"ת ברסלב

רֹאשׁ הַשָּׁנָה אִיז דֶער גְרוֹיסֶער יוֹם הַדִּין; מֶען אִיז דַן "מִי יִחְיֶה וּמִי יָמוּת, מִי בָאֵשׁ וּמִי בַמַּיִם", אַלֶע שְׁרֶעקְלִיכֶע טְרַאגֶעדְיֶעס וָואס מֶען הֶערְט אַ גַאנְץ יָאר הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵינוּ – וֶוערְט אַלֶעס אָנְגֶעשְׁרִיבְּן אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה. יֶעדְן טָאג וֶוערְן אַוֶועקְגֶערִיסְן יוּנְגֶע מֶענְטְשְׁן, מֶענֶער אוּן פְרוֹיעֶן, יוּנְגֶע קִינְדֶער בְּלַייבְּן אָן עֶלְטֶערְן ה' יְרַחֵם, אַלֶע שְׁפִּיטֶעלֶער זֶענֶען לֹא עָלֵינוּ אָנְגֶעפִילְט מִיט אִידִישֶׁע קִינְדֶער; דָא אִיז דָא אַ צַדִּיק וָואס הָאט צוּגֶעזָאגְט אַז רֹאשׁ הַשָּׁנָה קֶען עֶר יֶעדְן אֵיינֶעם הֶעלְפְן, עֶר קֶען יֶעדְן מְתַקֵּן זַיין; קוּק וָואס רֶבִּי נָתָן שְׁרַייבְּט – וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן תז): "אָמַר, שֶׁיְּכוֹלִין אָז אֲנָשִׁים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה לֹא הָיָה בְּאֶפְשָׁר שֶׁיִּהְיֶה לָהֶם תִּקּוּן בְּשׁוּם אֹפֶן, אַף עַל פִּי כֵן בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה יְכוֹלִין אֲפִילוּ הֵם לְקַבֵּל תִּקּוּן. אַף עַל פִּי שֶׁבְּכָל הַשָּׁנָה אֲפִילוּ הוּא בְּעַצְמוֹ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה לֹא הָיָה יָכוֹל לְתַקְּנָם, אֲבָל בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה גַּם הֵם יְכוֹלִים לְקַבֵּל תִּקּוּנִים. כִּי אָמַר שֶׁהוּא עוֹשֶׂה בְּרֹאשׁ הַשָּׁנָה עִנְיָנִים וְתִקּוּנִים מַה שֶּׁבְּכָל הַשָּׁנָה גַּם הוּא אֵינוֹ יָכוֹל לַעֲשׂוֹת", אֲפִילוּ מֶענְטְשְׁן וָואס דֶער רֶבִּי קֶען אַ גַאנְץ יָאר נִישְׁט הֶעלְפְן, אָבֶּער רֹאשׁ הַשָּׁנָה – קֶען עֶר יֶעדְן פַארְרֶעכְטְן; נוּ וָואס אִיז בִּכְלַל דִי שְׁאֵלָה? אַ מֶענְטְשׁ מִיט אַבִּיסְל שֵׂכֶל לוֹיפְט קֵיין אוּמַאן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען זַיין אִין אוּמַאן רֹאשׁ הַשָּׁנָה מִיט גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וַיַּקְהֵל תשפ"ב)

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **ישראל שלום זעלקאוויטש** הי"ו קרית ברסלב

צו די שידוך שליסן פון זיין זון

החתן **וואלווי זעלקאוויטש** הי"ו

למזל טוב, עב"ג בת

מו"ה **אייזיק אפפעל** הי"ו קרית ברסלב

***

החתן **ישראל וואלערשטיין** הי"ו ירושלים

צו זיין שמחת החתונה למזל טוב עב"ג

***

מו"ה **ישראל מאיר הורוויץ** הי"ו בארא פארק

צו די שמחת החתונה פון זיין זון

החתן **לוי יצחק הורוויץ** הי"ו

למזל טוב, עב"ג בת

מו"ה **שלום יוסף יאקאבאוויטש** הי"ו קרית ברסלב

***

מו"ה **אברהם טיקאלסקי** הי"ו דזשערסי סיטי

צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **גדלי' אפפעל** הי"ו קרית ברסלב

צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

מו"ה **דוד סאמעט** הי"ו בית שמש

צו די בר מצוה פון זיין זון יוסף בעריש נ"י למזל טוב

***

מו"ה **אברהם יצחק אייזנער** הי"ו קרית ברסלב

צו די אפשערן פון זיין זון יואל נ"י למזל טוב

***

מו"ה **יואל מענדלאוויטש** הי"ו קרית ברסלב

צו די אפשערן פון זיין זון נחמן נתן נ"י למזל טוב

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# הכנות צו אומאן

# ראש השנה תשפ"ה

עס איז דורך אזא לאנגע יאר, אן עיבור יאר, פון פאריאר ראש השנה. ווען מיר וואלטן פאריאר געוואוסט וואס פאר א יאר ווארט אונז וואלטן מיר אלע אסאך מער מתפלל געווען. לב יודע מרת נפשו, יעדער האט מיטגעמאכט זיין פעקל, דער בגשמיות און דער ברחוניות, אזויפיל פרישע יתומים נעבעך צוגעקומען, פרישע אלמנות, וויפיל אידישע הייזער זענען נעבעך צופאלן צוליב נארישקייטן, וויפיל אידישע נשמות זענען נעבעך אוועקגעפאלן ווייל זיי מיינען אז זיי זענען דערנאך, אזוי סאך אינגעלייט זענען געווארן פרישע בעלי חובות פשוט ווייל זיי האבן נישט קיין וועג ווייזער וואס זאל זיי אויסלערנען פשוטע זאכן פון לעבן, אבער פארוואס ווינען אויף אויסגעגאסענע מילך? יעצט דארפן מיר טראכטן וויאזוי וועט אויסזען אונזער קומענדיגע יאר.

זה לעומת זה עשה אלוקים, מיר קענען נישט גענוג דאנקען און לויבן דעם אויבערשטן אז מיר זענען געוואויר געווארן פונעם הייליגן רבי'ן, א רבי וואס האט זיך מוסר נפש געווען צו טרעפן א שפראך מיט אונז פשוטע אידן, פשוטער פון פשוט, אז מיר זאלן וויסן די זיסע לעכטיגע עצות, א רבי וואס האט געטוישט אונזער לעבן, וואס געבט אונז מאטיוואציע און חשק ווייטער אנצוגיין טראץ אונזערע אלע דורכפעלער, און דערפאר בענקט אונזער הארץ מיר זאלן אויך זוכה זיין דאס יאר צו פאלגן זיין בקשה וואס ער האט אונז געבעטן אז מיר זאלן קומען ווילן ביי זיין הייליגן ציון אויף ראש השנה.

אנשי שלומינו גרייטן זיך מיט תפילות און בענקעניש, מען ווארט שוין זוכה צו זיין זיך אויסצוגיסן דאס הארץ ביי דעם מקום קודש, דעם מקום מסוגל לקבלת התפלות, און אין די זעלבע צייט גרייטן זיך די עסקנים פון די הונדערטער בתי מדרשים, הכנסת אורחים'ס, און האטעלן, צוצוגרייטן זייערע פלעצער פאר די צענדליגע טויזנטער אידן וואס וועלן מיט'ן אויבערשטנ'ס הילף קומען קיין אומאן.

אינעם בנין פון אנשי שלומינו אין אומאן טוען זיך אויך גרויס זאכן אין די טעג, אויסער די פילע זאכן וואס מען בויעט און מען פארענדיגט, מאכט מען שוין אין די טעג די באשטעלונגען פון די עסן פאר די וואך וואס מען וועט בעז"ה דארט ווילן. מען באשטעלט שוין די טויזנטער פארציעס פיש, פלייש, חלות, טרונקען, פירות, און ירקות פאר'ן קאך, אזוי אויך די פעיפער גודס און דאס גלייכן, מען פארהאנדלט שוין מיט די פירמעס וואס שטעלן צו ארבייטער, מען זאל האבן די ריכטיגע שטאב צו קאכן, רוימען און דאס גלייכן. אזוי אויך טוט זיך העפטיג ביי די טראוועל אגענטן, מען גרייט צו די פליגערס, דאס עסן, די באסעס, באנען און דאס גלייכן, און מען איז מתפלל אז אלעס זאל זיך אויסארבעטן על צד היותר טוב.

עס גייט אריין גאר אסאך כחות אין די צוגרייטונגען, און די עסקנים בעטן אז אנשי שלומינו זאלן זיי אינזין האבן ביי די תפילות אז מען זאל מצליח זיין צו קענען צושטעלן דאס בעסטע וואס מעגליך, און דערמיט פארגרינגערן אביסל די שווערע נסיעה.

דער עיקר זאל מען גדענקען אז ווען מען קומט אן זאל מען זיך נישט לאזן נארן, און נישט ווערן פארבלענדעט פון די מארקעט, פון די פילע געסט מארבע כנפות הארץ, און אזוי ווייטער, נאר גדענקען אז דאס איז די פלאץ וואו מען וועט פועל'ן אז דאס קומענדיגעס יאר זאל מען לעבן אינגאנצן מיט'ן אויבערשטן, לעבן מיט א צדיק, און האבן א גוטע זיסע לעבן ברוחניות ובגשמיות.

## אנשי חיל פאנעל

**א שיינע שמועס, פראגען און ענטפערס, מיט'ן מנהל, א חבר ההנהלה, און א פאנדרעיזער. גאר אינטערעסאנט און באלערנד**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 10, 2, 83**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

**און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; פערזענליכע מעשיות; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; פערזענליכע מעשיות; רעספעפיס; און נאך**

845-351-9060 / 212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363 / קאנאדא 438-320-9090

בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com** / טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**

< BreslevCenter.com >